בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִּישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון קכ"ג

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת כי תצא שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ דֶעם עֶרְשְׁטְן חֵלֶק פוּן אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַּרְשַׁת עֵקֶב שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי יע"א**

### קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וִוי שְׁוֶוער אַ מְלַמֵּד אַרְבֶּעט

אִיךְ מוּז גֶעבְּן אַבִּיסְל חִיזּוּק פַאר דִי מְלַמְּדִים, וַוייל קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וִוי שְׁוֶוער אַ מְלַמֵּד אַרְבֶּעט. אֲפִילוּ אִיךְ אַרְבֶּעט אוֹיךְ שְׁוֶוער מִיט דִי בָּחוּרִים, דָאךְ הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וִוי שְׁוֶוער דֶער מְלַמֵּד פוּן מַיין זוּן אַרְבֶּעט.

אָפְּגֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שְׂכַר'ס, קֵיינֶער בַּאדַאנְקְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, וַוייל מֶען הָאט דָאךְ נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס זֵיי טוּעֶן. לָאמִיר דִיר פְרֶעגְן, וֶוען אֵיינֶער הֶעלְפְט דִיר שְׁלֶעפְּן אַ בַּאקְס, זָאגְסְטוּ אִים שְׁכַּחַ? **"יָא!"** דֶער מְלַמֵּד הַאלְט דָאךְ דַיין קִינְד אַ גַאנְצְן טָאג, דָאס אִיז אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער, אִים קוּמְט זִיךְ נִישְׁט קַיין שְׁכַּחַ?! **"אָבֶער מַיין זוּן אִיז דָאךְ אַ ווָאוֹיל קִינְד, אַ זִיס קִינְד, עֶר אִיז גֶערָאטְן אִינֶעם זֵיידְן..."** - דָאס מֵיינְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס גֵייט פָאר אִין דִי פִיר וֶוענְט פוּן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה!

נָאכְדֶעם קוּמְט צוּ, וֶוען דֶער קִינְד קוּמְט אַהֵיים פוּן חֵדֶר אוּן עֶר וֵויינְט, עֶר רֶעדְט זִיךְ אָפּ אוֹיף זַיין מְלַמֵּד, דֶעמָאלְט פְרֶעגְט דֶער טַאטֶע דֶעם מְלַמֵּד: **"וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין חֵדֶר? אִיךְ בִּין נִישְׁט פוּן דִי טַאטֶעס וָואס זוּכְן צוּ בַּאשׁוּלְדִיגְן דֶעם מְלַמֵּד, אִיךְ וִויל נָאר וִויסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען..."** דָאס טוּט זֵייעֶר וֵויי פַארְן מְלַמֵּד, וָואס הֵייסְט וָואס אִיז גֶעוֶוען 'הַיינְט' אִין חֵדֶר? - וָואס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן? אוּן וָואס אִיז גֶעוֶוען אֵייעֶר נֶעכְטְן?! דוּ וֵוייסְט אַז אִיךְ זִיץ מִיט דַיין קִינְד טָאג נָאךְ טָאג, אוּן עֶר נֶעמְט מִיר אַרוֹיס דִי קִישְׁקֶעס, אוּן אִיךְ דַארְף זִיךְ אַיינְהַאלְטְן נִישְׁט צוּ שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים? דוּ וֵוייסְט בִּכְלַל וָואס אַ מְלַמֵּד אִיז? דוּ בִּיסְט זִיךְ אֵיין מָאל גֶעקוּמֶען בַּאדַאנְקֶען?!

### אִיךְ אַרְבֶּעט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן!

דִי מְלַמְּדִים זָאלְן אָבֶער וִויסְן בַּיי זִיךְ, אִיךְ אַרְבֶּעט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט פִּינְקְטְלִיךְ וָואס אִיךְ טוּ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר אִין כִּתָּה. אַז מֶען טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט דִי אַרְבֶּעט גְרִינְגֶער; דִי רֶגַע וָואס אַ מֶענְטְשׁ בִּינְדְט זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט אִים אַלֶעס גְרִינְגֶער.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי, הָאט עֶר דֶען כֹּחַ צוּ גֵיין דַאוֶוענֶען? עֶר הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ גֵיין דַאוֶוענֶען, אָבֶער עֶר וֵוייסְט 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אִיךְ זָאל דַאוֶוענֶען', בַּאקוּמְט עֶר כֹּחַ צוּ גֵיין דַאוֶוענֶען; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז וֶוען עֶס קוּמְט זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה, אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף אַ נִסָּיוֹן, אָבֶער עֶר וֵוייסְט 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט', דָאס גֶעבְּט אִים כֹּחַ זִיךְ צוּ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיפְן נִסָּיוֹן.

דֶערִיבֶּער זָאלְט עֶטְץ וִויסְן: 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין כִּתָּה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר בַּאצָאלְן שְׂכַר'.

### גָארְנִישְׁט קוּמְט נִישְׁט צוּ צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד

נֶעכְטְן שִׁיקְט מִיר אַ מְלַמֵּד אַ בְּרִיוו, וואוּ עֶר גִיסְט אוֹיס זַיין הַארְץ אִין צְוֵויי בְּלֶעטֶער, גְרַאדֶע נִישְׁט וֶועגְן דִי שְׁוֶוערִיקֵייט אִין חֵדֶר, נָאר אַז עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע רוּחָנִיּוּת פַאר דִי חֵדֶר, עֶר שְׁרַייבְּט: **"אֵיידֶער אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵּד, הָאבּ אִיךְ יֶעדְן טָאג גֶעלֶערְנְט חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אִיךְ הָאבּ יֶעדֶע**

## חִיזּוּק פַאר מְלַמְּדִים

**וָואךְ גֶעעֶנְדִיגְט מֶדְרָשׁ רַבָּה, מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ"**, עֶר רֶעכְנְט אוֹיס אַ גַאנְצֶע לִיסְטֶע וָואס עֶר הָאט אַלְץ גֶעלֶערְנְט יֶעדְן טָאג, אוּן עֶר שְׁרַייבְּט: **"אִיךְ בִּין יֶעדֶע נַאכְט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי חֲצוֹת אוּן גֶעזָאגְט תִּיקּוּן חֲצוֹת מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן הַיינְט קוּים וָואס אִיךְ קֶען לֶערְנֶען אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת... אִיךְ הָאבּ אַלֶעס גֶעלֵייגְט אִין דִי זַייט אוּן אִיךְ זִיץ מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ לֶערְן מִיט זֵיי אוּן אִיךְ דַארְף זֵיי אִיבֶּערְזָאגְן יֶעדֶע זַאךְ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אִיךְ דַארְף אַסַאךְ חִיזּוּק"**.

אִיךְ הָאבּ אִים צוּרִיקְגֶעשִׁיקְט אַ 'מוּסָר בְּרִיוו', אִיךְ הָאבּ אִים גֶעשְׁרִיבְּן: **"וִויפִיל דוּ וֶועסְט נָאר לֶערְנֶען, וִויפִיל דוּ וֶועסְט נָאר אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת, אוּן וִוי גְרוֹיס דוּ וֶועסְט זַיין, קוּמְט דָאס נָאכְאַלְץ נִישְׁט צוּ צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד! דוּ וֵוייסְט וָואס הֵייסְט לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער תּוֹרָה? דוּ וֵוייסְט וָואס הֵייסְט זִיצְן מִיט קִינְדֶער אוּן זֵיי נָאכְאַמָאל זָאגְן 'עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער', אוּן רֶעדְן צוּ זֵיי פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת?!"** [בַּיים אָפְּטֵיילוּנְג פוּן דִי בְּרִיוְון בְּרֶענְגֶען מִיר אַרָאפּ דֶעם בְּרִיוו].

### וֶוען קֶען מֶען רֶעדְן צוּ אַ מֶענְטְשׁ פוּן דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית?

וֶוען אִיז דִי צַייט וָואס מֶען קֶען זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַז מֶען דַארְף גֵיין מִיט צִיצִית? אִיךְ רֶעד נִישְׁט פוּן דִי 'פְּרָאצֶענְט' פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל וָואס גֵייעֶן מִיט דִי וָואלֶענֶע צִיצִית אוֹיף דִי הֶעמְד, דִי שֵׁיינֶע אִידְן וָואס הָאבְּן לִיבּ דִי וָואלֶענֶע צִיצִית פוּן אִינְדְרוֹיסְן, אִיךְ רֶעד פוּן 'כְּלַל יִשְׂרָאֵל' וָואס טְרָאגְן דִי צִיצִית אוּנְטֶער דִי הֶעמְד; לֵיידֶער זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן: 'וֶוער דַארְף צִיצִית? עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁעןְ אַז אִיךְ גֵיי אָן צִיצִית...' אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט דָאס נִישְׁט, קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוּנְטֶער יֶעדְנְ'ס הֶעמְד אָדֶער סְוֶועטֶער אוֹיבּ עֶר הָאט צִיצִית.

דֶער רִיכְטִיגֶער צַייט צוּ רֶעדְן צוּ אַ מֶענְטְשׁ

# הֶמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פוּן דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית אִיז אַלְס קִינְד. דִי מְלַמְדִים פוּן כִּתָּה א' בִּיז כִּתָּה ט' דַארְפְן רֶעדְן פוּן 'דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית', וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ נַחַת רוּחַ פוּן יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מִיר טוּעֶן, אוּן דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן צִיצִית.

אַ אִיד וָואס גֵייט מִיט צִיצִית, קוּמְט זִיךְ דִי קְרֶעדִיט פַאר זַיינֶע מְלַמְדִים וָואס הָאבְּן דָאס אִין אִים אַרַיינְגֶעלֵייגְט!

טַייעֶרֶע מְלַמְדִים, מֶען מוּז רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן אִידִישְׁקֵייט, פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע. אִינְדְרוֹיסְן אִיז טַאקֶע דִי בִּילְד אַזוֹי שֵׁיין, מֶען קֶען מֵיינֶען וִוי אַלֶעס פָּארְט פֵיין, אָבֶּער עֶס קוּמְט אַ דוֹר וָואס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת!

## אַלֶע וֶוערְטֶער גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער

מִיר הָאבְּן הַיינְט גֶעהַאט אִינֶעם בְּלַאט גְמָרָא (גִּיטִּין עט.) דִי הֲלָכָה אַז וֶוען אֵיינֶער וַוארְפְט אַרַיין אַ גֶט אִין דִי חָצֵר פוּן זַיין וַוייבּ, אֲפִילוּ עֶס אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן אֵיידֶער עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער עֶרְד, **"הֲרֵי זוֹ מְגוֹרֶשֶׁת"**, וֶוערְט זִי גֶע'גֶט. זָאגְט דִי גְמָרָא, רַבִּי אַבָּא זָאגְט: דִי הֲלָכָה שְׁטִימְט **"כְּרַבִּי דְאָמַר קְלוּטָה כְּמִי שֶׁהוּנְחָה דַמְיָא"**, וִוי דִי שִׁיטָה פוּן רֶבִּי וָואס הַאלְט אַז אַ זַאךְ וָואס וֶוערְט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין דִי לוּפְט, אִיז אַזוֹי וִוי מֶען הָאט עֶס דָארְט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט, אוּן עוּלָא זָאגְט: אֲפִילוּ דִי רַבָּנָן וָואס קְרִיגְן אוֹיף רֶבִּי, זֶענֶען דָא מוֹדֶה, עַיֵּין שָׁם. ['קְלוּטָה כְּמִי שֶׁהוּנְחָה דַמְיָא' - אִיז אַ הֲלָכָה אִין 'הִלְכוֹת שַׁבָּת'; רֶבִּי הַאלְט אַז אוֹיבּ אֵיינֶער וַוארְפְט אַרִיבֶּער אַ בָּאל פוּן אַ 'רְשׁוּת הָרַבִּים' צוּ אַן אַנְדֶערֶע 'רְשׁוּת הָרַבִּים' אוּן אִינְדֶערְמִיט פְלִיט עֶס דוּרְךְ אַ 'רְשׁוּת הַיָּחִיד', אִיז עֶר חַיָּיב צְוֵויי חֲטָאוֹת, וַוייל אַ זַאךְ וָואס וֶוערְט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין דִי לוּפְט, אִיז אַזוֹי וִוי מֶען הָאט עֶס דָארְט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט, קוּמְט אוֹיס אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן 'עֲקִירָה' פוּן רְשׁוּת הָרַבִּים אוּן אַ 'הַנָּחָה' אִין רְשׁוּת הַיָּחִיד, אוּן נָאךְ אַן 'עֲקִירָה' פוּן רְשׁוּת הַיָּחִיד אוּן אַ 'הַנָּחָה' אִין רְשׁוּת הָרַבִּים].

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז חִיזוּק פַאר מְלַמְדִים. מְלַמְדִים רֶעדְן צוּ קִינְדֶער אוּן דִי קִינְדֶער הֶערְן זִיךְ נִישְׁט צוּ, זֵיי קוּקְן אוֹיפְן מְלַמֵד כְּאִילוּ זֵיי וֵוייסְן בִּכְלַל נִישְׁט וָואס עֶר ווִיל פוּן זֵיי, דֶער מְלַמֵד טְרַאכְט: 'זָאל אִיךְ הַיינְט נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְזָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **"וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט - רֶעדְט מֶען נִישְׁט"**, **"וֶוען אַ טַאטֶע רֶעדְט - רֶעדְט מֶען נִישְׁט"**, **"וֶוען אַ רֶבִּי קוּמְט אַרַיין - שְׁטֶעלְט מֶען זִיךְ אוֹיף"**, אוּן: **"וֶוען אַ טַאטֶע קוּמְט אַהֵיים - שְׁטֶעלְט מֶען זִיךְ אוֹיף"**? אִיךְ הָאבּ עֶס דָאךְ שוֹין נֶעכְטְן גֶעזָאגְט, דִי קִינְדֶער הֶערְן מִיךְ סַיי וִוי נִישְׁט אוֹיס!'

אוֹיף דֶעם זָאגְט דִי גְמָרָא: זָאלְסְט וִויסְן 'קְלוּטָה' - דַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס קוּקְט אוֹיס וִוי עֶס גֵייט צוּ דִי לוּפְט, 'כְּמִי שֶׁהוּנְחָה דַמְיָא' - אִיז אַזוֹי וִוי מֶען הָאט עֶס אַרָאפְּגֶעלֵייגְט; סוֹף כָּל סוֹף גֵייעֶן דַיינֶע וֶוערְטֶער אַרַיין אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער, אוּן עֶס אִיז וֶוערְד דוּ זָאלְסְט עֶס אִיבֶּערְזָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוֹיף אַלֶע מִינֵי וֶועגְן. [מֶען קֶען צוּלֵייגְן 'בְּדֶרֶךְ צַחוּת'; וֶוער זָאגְט דִי הֲלָכָה פוּן 'קְלוּטָה כְּמִי שֶׁהוּנְחָה דַמְיָא'? רֶבִּי! דָאס קֶען אוֹיךְ מֵיינֶען דֶער 'רֶבִּי' פוּן חֵדֶר, וָואס עֶר דַארְף דָאס וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען].

## וָואס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער?

אִיךְ וִויל בֶּעטְן דִי מְלַמְדִים, לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער צוּ הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן נִישְׁט צוּ זַיין קַיין עַזּוּת פָּנִים'עֶר. דָאס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: **"אִיךְ קֶען יֶעדְן הֶעלְפְן אוֹיסֶער אַן 'עַזּוּת פָּנִים'!"** דָאס אִיז אַ פֶּלֶא, וַוייל דֶער רֶבִּי קֶען דָאךְ יֶעדְן הֶעלְפְן, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ חִיזוּק פַאר יֶעדְן, דֶער רֶבִּי וַוייזְט פַאר יֶעדְן אַז עֶר קֶען נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן; וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ אִיד וָואס הָאט לֵיידֶער פַארְקוֹיפְט נְבֵלוֹת וּטְרֵפוֹת, הָאט מַיין בַּאבֶּע (הָרַבָּנִית מִקַארְלְסְבּוּרְג) עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם מִיר גֶעפְרֶעגְט: **"יוֹאלִ'יש, וָואס זָאגְט 'בְּרֶסְלֶב' פַאר אַזַא מֶענְטְשׁ? עֶר קֶען תְּשׁוּבָה טוּן?"** הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט: **"יָא, אוֹיבּ עֶר וִויל תְּשׁוּבָה טוּן קֶען עֶר תְּשׁוּבָה טוּן"**.

צִי עֶס שְׁמֶעקְט דִיךְ יָא, צִי עֶס שְׁמֶעקְט דִיךְ נִישְׁט, נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער יֶעדְן אָן אוֹיבּ עֶר וִויל תְּשׁוּבָה טוּן. אֲפִילוּ דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (הִלְכוֹת תְּשׁוּבָה פֶּרֶק ד', הֲלָכָה א) אַז עֶס זֶענֶען דָא פִיר אוּן צְוָואנְצִיג זַאכְן וָואס זֶענֶען **'מְעַכְּבִין אֶת הַתְּשׁוּבָה'**, אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז **'הַמַּחְטִיא אֶת הָרַבִּים'**, אַ מֶענְטְשׁ וָואס זִינְדִיגְט אוּן עֶר מַאכְט זִינְדִיגְן אַנְדֶערֶע. מֵיינְט עֶס אָבֶּער נִישְׁט אַז עֶר קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, נָאר עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער עֶר זָאל וֶועלְן תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר שְׁטוּפְּט זִיךְ אַרַיין אוּן עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, נֶעמְט מֶען אִים צוּרִיק; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַרַיינְשְׁטוּפְּן אִין גַן עֵדֶן, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן! - מִיט דֶעם אַלֶעם, אִיז אַן עַזּוּת פָּנִים עֶרְגֶער, אִים קֶען נִישְׁט דֶער רֶבִּי הֶעלְפְן!

זֶעט מֶען שוֹין וָואס אִיז דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער; זֵיי זָאלְן הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן נִישְׁט זַיין קַיין עַזּוּת פָּנִים'עֶר חַס וְשָׁלוֹם.

אַ קִינְד קֶען אוֹיסְוַואקְסְן אַ אִיד, נָאר אוֹיבּ עֶר הָאט דֶרֶךְ אֶרֶץ!

## מִיט וֶועם וִוילְסְטוּ זִיךְ טוֹישְׁן?

בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ אַז דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער. אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"יְהִי חֶלְקִי עִמָּכֶם"**, מַיין חֵלֶק זָאל זַיין מִיט עֶנְק מְלַמְדִים.

מִיט וֶועם ווִילְט עֶטְץ זִיךְ אוֹיפְטוֹישְׁן? עֶטְץ וִוילְטְס אַרְבֶּעטְן אִין אַ 'שִׁיךְ גֶעשֶׁעפְט'? אִין אַ 'פְלֵייש גֶעשֶׁעפְט'? דָארְט אִיז נִישְׁט גְרִינְגֶער!

אַ מַאמֶע קוּמְט אַרַיין אִין שִׁיךְ גֶעשֶׁעפְט זִי ווִיל זֶען יֶעדֶע סָארְט שִׁיךְ אוֹיף אִיר טָאכְטֶערְ'ס פִיס, נָאכְדֶעם גֵייט זִי אַרוֹיס אָן קוֹיפְן, זִי זָאגְט אַז זִי וֶועט עֶס אִיבֶּערְטְרַאכְטְן... קוּמְט אוֹיס אַז 'צְוֵויי שָׁעָה' אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פַאר גָארְנִישְׁט. וֶוען דֶער אַרְבֶּעטֶער וֵוייסְט כָאטְשׁ פוּן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, הָאט עֶר כָאטְשׁ גֶעמַאכְט 'הִתְבּוֹדְדוּת' דִי צְוֵויי שָׁעָה מִיט דִי מוֹיל, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר סְתַּם אוֹיסְגֶעגֶעבְּן 'צְוֵויי שָׁעָה' אוּמְזִיסְט...

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אֵיינֶער וָואס אַרְבֶּעט מִיט פְלֵייש, עֶס אִיז אַ גוּטֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט צוּ שְׁטֵיין אוּן שְׁנַיידְן אַ גַאנְצְן טָאג פְלֵייש. וֶוען עֶס אִיז נָאר דָאס שְׁנַיידְן - קֶען עֶר כָאטְשׁ אַרַיינְכַאפְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁעַתְ'ן שְׁנַיידְן, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר דַארְף אוֹיךְ רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן - קֶען עֶר אֲפִילוּ דָאס אוֹיךְ נִישְׁט!

אָבֶּער אַ מְלַמֵד הָאט דִי שֶׁענְסְטֶע אַרְבֶּעט; עֶר זִיצְט מִיט קִינְדֶער אוּן רֶעדְט מִיט זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם מְנַהֵל: דוּ זָאלְסְט זִיךְ מוֹרָאִ'דִיג שְׁטַארְקְן, אוּן זַיי מְחַזֵק דִי מְלַמְדִים. טְרַאכְט נִישְׁט קַיין אֵיין רֶגַע פוּן אוֹיפְגֶעבְּן, זָאלְסְט מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דַיין גַאנְצֶע כֹּחַ! אוּן אוֹיבּ דוּ דַארְפְסְט הִילְף מִיט דִי קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ לֵייגְן אַ מוֹדָעָה אִינֶעם 'גִּלְיוֹן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ', אַז מֶען זוּכְט גֶעלוּנְגֶענֶע אִינְגֶעלַייט וָואס וִוילְן קוּמֶען אִין חֵדֶר, אָדֶער בַּיי לָאנְטְשׁ, אָדֶער אוֹיפְן בָּאס, אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער.

הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר אִי"ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ


חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

אויף קול ברסלב

דרוקט: 1-2-4-2

- שמעו ותחי נפשכם -

## אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען אַ גַאנְצֶע טָאג אִין חֵדֶר, ווִי קוּמְט מֶען אָן צוּ תּוֹרָה וּתְפִלָּה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוָואלְט אַבִּיסְל אוֹיסְרֶעדְן מַיין הַארְץ וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ, נִישְׁט קַיין גֶעפֶערְלִיכֶע זַאכְן, אָבֶּער עֶס שְׁטֶערְט מִיךְ.

אֵיידֶער אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵּד אִיז מִיר טַאקֶע גֶעוֶוען אַ גֵיהִנוֹם, אִיךְ הָאבּ גֶעאַרְבֶּעט מִיט גוֹיִם אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעדַארְפְט דְרֵייעֶן אִין דִי גַאסְן וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט פִירְן אַסַאךְ מִלְחָמוֹת אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם, אִיךְ הָאבּ כִּמְעַט נִישְׁט גֶעקֶענְט דַאוֶוענֶען קֵיינְמָאל מִיט מִנְיָן, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעלֶערְנְט חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, זוֹהַר אוּן תִּיקוּנִים, יוֹם תְּהִילִים, שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט טוּר וּבֵית יוֹסֵף, אִיךְ הָאבּ כִּמְעַט יֶעדֶע וָואךְ גֶעעֶנְדִיגְט מֶדְרָשׁ רַבָּה אוּן מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת אוֹיף יֶעדֶע תּוֹרָה, סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן מוֹהֲרָנַ"ת, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין מִיט רַשִׁ"י, אוֹיסֶער דִי פִילֶע שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג, אַפָּאר וֶוערְטֶער דָא אוּן אַפָּאר וֶוערְטֶער דָארְט, אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיךְ אַרוֹיסְצוּגֵיין אִין פֶעלְד אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן מַיינֶע בֶּענְקֶענִישְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דִי גַאנְצֶע הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ יֶעדֶע נַאכְט גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן בְּכִיּוֹת, מַיין סִידוּר אִיז פַארְפְלֶעקְט מִיט דִי טְרֶערְן וָואס זֶענֶען אִין דֶעם אַיינְגֶעזַאפְּט.

אָבֶּער יֶעצְט דַארְף אִיךְ דָאךְ הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַעַת אִין חֵדֶר, זָאג אִיךְ תִּיקוּן חֲצוֹת אִין בְּלוֹיז פִינְף מִינוּט, פַארְן דַאוֶוענֶען קוּם אִיךְ קוֹים אָן צוּ לֶערְנֶען "בַּיִת נִצְחִי", אַ דַף בַּבְלִי אוּן יְרוּשַׁלְמִי מִיט אַ פֶּרֶק תּוֹסֶפְתָּא, אֵיין דַף זוֹהַר אוּן אֵיין דַף תִּיקוּנִים, אוּן צוּם מֶערְסְטְנְס זֶעקְס פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אִיךְ קֶען קוֹים רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְן וֶועג צוּם שׁוּל אוּן צוּ חֵדֶר, אוּן נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ שׁוֹין אַ גַאנְצְן טָאג אִין חֵדֶר מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ קוּם אַהֵיים קֶען אִיךְ אַבִּיסְל שְׁמוּעֶסְן מִיט מַיין וַוייבּ אוּן נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ נָאךְ אַבִּיסְל צַייט צוּ לֶערְנֶען, אָבֶּער גֶעוֶוענְלִיךְ וֶועל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ הֶערְן אַ שִׁיעוּר פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וַוייל אִיךְ מוּז דָאךְ קֶענֶען אָנְגֵיין, אוּן וֶוען אִיךְ עֶפְן שׁוֹין יָא אַ סֵפֶר רוּפְט מִיר שׁוֹין דֶער אוּן יֶענֶער אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, אִיךְ קֶען דָאךְ גָארְנִישְׁט עֶרְלֶעדִיגְן אִין חֵדֶר, אוּן דָא אִיז דָא אַ חֲתוּנָה, אוּן דָא דַארְף אִיךְ רוּפְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן, טַאקֶע אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אָבֶּער אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען עֶפֶּעס, נָאכְדֶעם דַארְף אִיךְ שׁוֹין לוֹיפְן צוּם טֶעגְלִיכְן גְמָרָא שִׁיעוּר, אוּן אִיךְ דַארְף אָוֶועקְגֶעבְּן צַייט אוֹיסְצוּהֶערְן דֶעם אוּן יֶענֶעם, אוּן כָאטְשׁ וָואס מִיר רֶעדְן טַאקֶע פוּן דִיבּוּרֵי תַּכְלִית, דִבְרֵי חִיזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אָבֶּער פַּאקְטִישׁ דֶערְזֶע אִיךְ זִיךְ סוֹף טָאג מִיט בְּלוֹיז עֶטְלִיכֶע פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען מִיט רַשִׁ"י מִיט דִי קִינְדֶער, בַּיִת נִצְחִי, אַ טְרָאפֶּעלֶע זוֹהַר אוּן תִּיקוּנִים, עֶטְלִיכֶע סְעִיפִים שֻׁלְחָן עָרוּךְ מְחַבֵּר רְמָ"א, אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים נִיטְאַמָאל קַיין גַאנְצֶע יוֹם, אַבִּיסֶעלֶע נַ"ךְ, בְּקִיצוּר קוֹים עֶפֶּעס תּוֹרָה.

לֶעצְטְנְס בִּין אִיךְ זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן נָאר שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי פַארְן דַאוֶוענֶען, דֶעמָאלְט אִיז מִיר טַאקֶע אַ גַן עֵדֶן, אָבֶּער אִיךְ בִּין זֵייעֶר בַּאזָארְגְט אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אֲפִילוּ נָאר אֵיין מָאל. אִיךְ וֵוייס ווִיפִיל אִיךְ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּ וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַזוֹיפִיל פַארְבְּרֶענְגְט דִי טֵייעֶרֶע צַייט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אֲפִילוּ צוּ טְרַאכְטְן פוּן דֶעם, אוּן אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צְוֵויי יָאר אִין אַ צִי יֶעדֶע נַאכְט, אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת ה' אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ, שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' כָּל יְמֵי חַיַּי, אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן זִיךְ דְרֵייעֶן פַאר פַּרְנָסָה אִין דִי שְׁמוּצִיגֶע גַאסְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ קֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען מִיט דִי טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אָבֶּער אִיךְ קוּם כִּמְעַט נִישְׁט אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִיז נָאר אַפָּאר מִינוּט דָא אוּן דָארְט.

אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶערֶעכְט אַז אִיךְ רֶעד זִיךְ אָפּ, אִיךְ וָואלְט זִיךְ גֶעדַארְפְט פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע בִּיסְל גוּטְס וָואס אִיךְ כַאפּ אַרַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיךְ הֶעלְפְן אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרָע, אוּן זִיךְ יָא פְרֵייעֶן מִיט וָואס אִיךְ הָאבּ, אוּן גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, "וָואס מֶען טוּט אִיז גוּט, אַבִּי מֶען טוּט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס".

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז הֶעכֶער פוּן יֶעדֶע סָארְט עֲבוֹדָה. לֶערְנֶען תּוֹרָה פַאר זִיךְ אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, אָבֶּער מַאכְן אַנְדֶערֶע לֶערְנֶען - אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער, לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט תַּלְמִידִים, בִּפְרַט מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן - דָאס אִיז גְרֶעסֶער פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה פַאר זִיךְ.

נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ ווִי זַיין אַ מְלַמֵּד; דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ - אִיז זַיין אַ מְלַמֵּד פַאר קִינְדֶער. לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, פְלַאנְצְן אִין קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם - אִיז דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל יב, ג): "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד - 'אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת'", אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט; מוֹהֲרַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט דָאס זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר זַיין, אַז פּוּנְקְט ווִי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט, אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן ווִיפִיל זְכוּתִים אַ מְלַמֵּד הָאט, וַוייל עֶר פְלַאנְצְט אַיין אִין דִי קִינְדֶער תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיף וֶועם שְׁטֵייט דִי וֶועלְט? דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה וָואס קִינְדֶער לֶערְנֶען, אוּן דָאס אִיז אִין דִי זְכוּת פוּן מְלַמְּדִים. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): "אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּם אֶלָּא בִּשְׁבִיל הֶבֶל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן", דִי וֶועלְט שְׁטֵייט נָאר אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער.

אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע טֶעג; חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, זוֹהַר אוּן תִּיקוּנִים אוּן זָאגְן אַ יוֹם תְּהִילִים, שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט טוּר בֵּית יוֹסֵף, אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ מֶדְרָשׁ רַבָּה אוּן מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן מִיט דִי תְּפִלָּה אוֹיף דִי תּוֹרָה, אוּן אַנְדֶערֶע סִפְרֵי רַבֵּינוּ אוּן מוֹהֲרָנַ"ת, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם וְרַשִׁ"י - דָאס קוּמְט נָאכְאַלְץ נִישְׁט צוּ צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד. אַזוֹי ווִי דִי גְמָרָא זָאגְט וַוייטֶער (שַׁבָּת, שָׁם) רַב פָּפָּא הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן אַבַּיֵי: "דִידִי וְדִידָךְ מַאי", וָואס אִיז מִיט אוּנְזֶער תּוֹרָה? דִי וֶועלְט שְׁטֵייט דֶען נָאר אוֹיף קִינְדֶער'ס תּוֹרָה? הָאט אַבַּיֵי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אֵינוֹ דוֹמֶה הֶבֶל שֶׁיֵּשׁ בּוֹ חֵטְא לְהֶבֶל שֶׁאֵין בּוֹ חֵטְא", עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פַארְגְלַייךְ תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער וָואס וֵוייסְן נָאכְנִישְׁט פוּן עֲבֵירוֹת, וָואס זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר רֵיין.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, עֶס זָאל דִיר נִישְׁט בַּאנְק טוּן אַז דִי טָאג גֵייט דִיר אַרִיבֶּער מִיטְן זַיין אַ מְלַמֵּד אוּן דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל דַיינֶע שִׁיעוּרִים, וַוייל מִיר

דַארְפְן הַיינְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַּאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת. וַוייל וֶוער עֶס וֵוייסְט וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִין אוּנְזֶער דוֹר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גְלַאטִיג וִוי עֶס זֶעט אוֹיס; פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט אוֹיס דִי בִּילְד זֵייעֶר שֵׁיין, אָבֶער פוּן אִינֶעוֵוייניג אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג; מֶען דַארְף מְלַמְדִים מִיט הַארְץ אוּן נְשָׁמָה, וָואס זֶענֶען גְרֵייט אוֹיף מְסִירַת נֶפֶשׁ מַמָּשׁ, אַוֶועקְגֶעבְּן זֵייעֶר גַאנְצֶע נְשָׁמָה פַאר דִי קִינְדֶער, וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער דָאס שֵׁיינְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט פוּן דִי תּוֹרָה וֶועג.

הֶער אַ מַעֲשֶׂה וָואס דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט, דִי מַעֲשֶׂה וֶועט פַארְעֶנְטְפֶערְן דַיין בְּרִיוו. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (קִידוּשִׁין ל.)




רֶבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא הָאט גֶעזֶען רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי גֵיין אִין גַאס נִישְׁט אָנְגֶעטוּן גֶעהֶערִיג, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט זֵייעֶר מָאדְנֶע, עֶר הָאט נִישְׁט אָנְגֶעהַאט זַיין הוּט, עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעדֶעקְט זַיין קָאפּ מִיט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע צוּדֶעק, אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וָואס יָאגְט זִיךְ אוּן הָאט נִישְׁט קַיין צַייט זִיךְ אָנְצוּטוּן גֶעהֶערִיג, אוּן עֶר הָאט גֶעטְרָאגְן זַיין זוּן אִין חֵדֶר. הָאט רֶבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז מִיט דִיר? פַארְוָואס גֵייסְטוּ אַזוֹי אִין גַאס, נִישְׁט גֶעהֶערִיג אָנְגֶעטוּן?" הָאט רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ יָאג זִיךְ צוּ טְרָאגְן מַיין קִינְד אִין חֵדֶר, אוּן אַז דוּ וואוּנְדֶערְסְט זִיךְ וָואס אִיז דִי יָאגֶענִישׁ? וֶועל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים ד, ט): 'וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ', אוּן עֶס שְׁטֵייט אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע פָּסוּק 'יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בְּחֹרֵב', וָואס הָאבְּן דִי צְוֵויי פְּסוּקִים פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט קִינְדֶער – אַ שַׁייְכוּת – מִיט דִי פָּסוּק פוּן מַתַּן תּוֹרָה? נָאר דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז, אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט זַיין קִינְד אִיז דָאס אַזוֹי וִוי עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה בַּיים בַּארְג סִינַי", פִּירְט אוֹיס רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי: "אִיךְ לֵייג אַוֶועק מַיין הוּט, מַיין בֶּעקִיטְשֶׁע, מַיינֶע שֵׁיינֶע אִידְ'שַׁאפְט, אַבִּי צוּ לוֹיפְן אִין חֵדֶר מִיט מַיין זוּן"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף אַלֶעס לֵייגְן אִין דֶער זַייט, אֲפִילוּ דִי רוּחָנִיּוּת – אַבִּי צוּ זַיין אַ גֶעטְרֵייעֶר מְלַמֵּד, לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער תּוֹרָה, אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת רְאֵה, שְׁנַת תשפ"ג)




קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876